בעזהשי"ת

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

## פָּרָשַׁת כִּי תִשָּׂא

תשע"ט

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:


**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359


**Visit Our Web Site:**

**www.breslevcenter.com**

לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

**קוק גוט אויף דיר אליינס וועט אלעס ווערן גוט.**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת תצוה, ה' אדר א', שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

שטארק זיך טייערער ברודער; זוך אויף אין דיר גוטע זאכן, גוטע נקודות, ווייל אפילו פושעי ישראל זענען אנגעפילט מיט מצוות אזוי ווי א מילגרוים (ברכות נז:).

אז מען טרעפט אין זיך גוטס הייבט זיך אויף די געפיל פונעם מענטש און מען קען אריין כאפן נאך גוטס; ווען מען קוקט אויף זיך גוט קוקט מען נאכדעם גוט אויך אויף די ווייב און קינדער, און אלעס ווערט גוט.

דערפאר בעט איך דיר זייער ליבער ברודער, זיי זיך דן לכף זכות און זוך אויף גוטע זאכן וואס דו האסט און זיי זיך מחי' מיט דעם; זיי זיך מחי' מיט דעם אז מיר זענען אידן און מיר זענען נישט קיין גוים, מיר זענען אויסדערוועלט ביים אייבערשטן.

געדענק אז ביים רבי'ן איז דער עיקר: "זיך דערהאלטן".

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**זיי מוסיף גוטס, וועט דער אייבערשטער דיר מוסיף זיין ניסים.**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת תצוה, ו' אדר א', שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער חתן ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין נדבה פאר די ישיבה; יישר כח.

מזל טוב צו דיין שידוך; קוק וואס פאר א נס דער אייבערשטער האט מיט דיר געטון. דו האסט באקומען א שידוך פון הימל; אן ערליכע וואוילע כלה תחי' פון א טייערע ווארימע משפחה, א בת תלמוד חכם - אלעס בזכות דיינע גוטע מעשים וואס דו טוסט, דיין תורה ותפלה וכו'.

זאלסטו זיך יעצט פארנעמען מוסיף צו זיין אין דיינע שיעורים און מוסיף זיין אין תפלה והתבודדות וועט דער אייבערשטער מאכן מיט דיר נאך גרויסע נסים.

געב זיך איבער צום אייבערשטן, "וויל ווי עס גייט, וועט גיין ווי דו ווילסט", דורכדעם וועסטו מצליח זיין.

פון דיין ראש ישיבה.
~~~~~~~~~~

...

~~~~~~~~~~

**די 63'סטע מאל ששה סדרי משנה.**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת תצוה, ו' אדר א', שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דו האסט מיר מחי' געווען מיטן שרייבן אז דו האסט מסיים געווען די 63'סטע מאל ששה סדרי משנה; זה חלקי מכל עמלי, דאס איז מיין גאנצע ציל מיט די ישיבה - אויפצושטעלן ערליכע יונגעלייט וואס לערנען און דאווענען און זענען מכבד די ווייב.

דו דארפסט טאנצן פאר שמחה אז דו האסט זוכה געווען צו לערנען און מסיים זיין אזויפיל מאל משניות; משניות רייבט ארויס פונעם מענטש אלע פלעקן פון זיינע עבירות, מען קען זיך גארנישט פארשטעלן צו וואס מען קען זוכה זיין אז מען לערנט משניות.

בנוגע אז דער גבאי פון בית המדרש 'היכל הקודש' אין מאנסי בעט דיר דו זאלסט אים העלפן וכו'; אז עס איז דיר אונטער געקומען די מצוה פון ראטעווען דעם מאנסי'ער בית המדרש זאלסטו אודאי עוסק זיין אין די מצוה.

איך טראכט זייער אסאך פון דיר און איך בעט פאר דיין הצלחה; דיין שוואגער האברך ... נרו יאיר געבט מיר איבער יעדן חודש אז דו העלפסט ארויס די ישיבה מיט זייער שיינע סכומים; איך דאנק דיר פאר דעם, געב נאר אכטונג אז דו זאלסט נישט ווערן קיין בעל חוב, איך האף אז דו מאכסט נישט קיין חובות.

דער אייבערשטער זאל דיר העלפן זאלסט ארויס גיין פון אלע דיינע חובות.

...

~~~~~~~~~~

**דאס גרויסקייט פון צוזאמנעמען די קינדער ביי שלש סעודות.**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת תצוה, ו' אדר א', שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

איך וואלט דיר באמת געדארפט שרייבן יעדן טאג א בריוו אויף די גרויסע זכות וואס דו האסט מיט דעם וואס דו נעמסט צוזאם די קינדער יעדע וואך ביי שלש סעודות און דו זינגסט מיט זיי זמירות, אזוי אויך אויף די 'אבות ובנים' פראגראם וואס דו

שטעלסט פאר יעדע מוצאי שבת פאר די קינדער אין ישיבה; וואויל איז דיר און וואויל איז דיין חלק.

מיט דעם בין איך דיר מקנא; גלייב מיר, ווען איך דארף ווען נישט פארלערנען וכו׳ וואלט איך גענומען די קינדער און מיט זיי געזינגען, ווייל עס איז נישט דא קיין גרעסערע זאך פון מחנך זיין קינדער צו זיין ערליכע אידן, אבער יעצט אז מוהרא״ש האט מיר געהייסן פארלערנען דארף איך דאס טון; דעריבער שרייב איך דיר דאס אז דו זאלסט וויסן דאס חשיבות פון זיצן מיט די קינדער וואך נאך וואך און זיי מחנך זיין זיי זאלן זיין ערליכע אידן.

עלטערן כאפן זיך נישט אז אפילו די קינדער זענען נאך קליין זענען זיי אלעס און פארשטייען אלעס; קינדער וואס זענען ווי די עלטערן קומען אין שול צו שמועסן, ניטאמאל וואשט מען זיך אויף שלש סעודות ווערט ביי זיי בילי̇ג די גאנצע זאך פון עסן דריי סעודות שבת, וואס דאס איז מעשה שטן אז מען זאל נישט עסן דריי סעודות שבת, ווייל ווען א מענטש איז זוכה צו עסן דריי סעודות שבת - זאגט דער הייליגער זוהר (פרשת יתרו, פח:): "תָּא חֲזֵי, בִּסְעוּדָתֵי אִלֵּין, אִשְׁתְּמוֹדְעוּן יִשְׂרָאֵל, דְּאִינּוּן בְּנֵי מַלְכָּא. דְּאִינּוּן מֵהֵיכָלָא דְּמַלְכָּא, דְּאִינּוּן בְּנֵי מְהֵימְנוּתָא", קום און זע, ווער עס עסט דריי סעודות שבת ווייזט מיט דעם אז ער איז א קינד פונעם אייבערשטן און אז ער האט אמונה, "וּמַאן דְּפָגִים חַד סְעוּדָתָא מִנַּיְיהוּ, אַחְזֵי פְּגִימוּתָא לְעֵילָּא, וְאַחְזֵי גַּרְמֵיהּ דְּלָאו מִבְּנֵי מַלְכָּא עִלָּאָה הוּא, דְּלָאו מִבְּנֵי הֵיכָלָא דְּמַלְכָּא הוּא דְּלָאו מִזַּרְעָא קַדִּישָׁא דְּיִשְׂרָאֵל הוּא", און אויב מען עסט נישט דריי סעודות שבת ווייזט מען אז מען איז נישט קיין קינד פונעם אייבערשטן חס ושלום. נאך זאגט דער זוהר: "רַבִּי שִׁמְעוֹן אָמַר, הַאי מָאן דְּאַשְׁלִים תְּלַת סְעוּדָתֵי בְּשַׁבְּתָא, קָלָא נָפִיק וּמַכְרְזָא עֲלֵיהּ (ישעיהו נח, יד): אָז תִּתְעַנַּג עַל יְיָ", ווען א מענטש איז זוכה צו עסן דריי סעודות שבת גייט ארויס א בת קול אין הימל אז דער מענטש האט אמונה.

ווער עס וואשט זיך צו די דריי סעודות איז זייער חשוב עד כדי כך אז דער הייליגער תנא רבי יוסי זאגט (שבת קיח:): "יְהֵא חֶלְקִי מֵאוֹכְלֵי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת בְּשַׁבָּת", איך וויל האבן א חלק אין גן עדן מיט די וואס עסן דריי סעודות שבת; דעריבער זעט מען אז ווען עס קומט צו עסן שלש סעודות פאלט ארויף אויפ׳ן מענטש א כבידות, מען ווערט בעצלות און מען וואשט זיך נישט צו די סעודה. און אז קינדער קומען אין שול וואך נאך וואך און זעען ווי דער טאטע זיצט אין דער זייט און נעמט נישט קיין חלק מיט די אידן וואס זיצן אינאיינעם, זינגען און געזעגענען זיך פונעם שבת וועלן זיי אויך אזוי טון.

דערפאר דאנק איך דיר און איך איך בעט דיר זאלסט זיך שטארקן מיט די הייליגע ארבעט; זיי זיך מחי' און מחזק מיט די מצוה אז דאס איז אנגעקומען צו דיר און דער אייבערשטער זאל דיר העלפן זאלסט האבן נחת ביי דיינע קינדער.

איך בעט דיר אויב דו קענסט צוזאמנעמען אפאר קינדער מיט בחורים און זיי אויסלערנען א פארשטעלונג אויף די מוצאי שבת שושן פורים סעודה; נעם א מעשה פון רבינ'ס מעשיות, דאס זאלט איר שיין אויסשפילן געפלאכטן און געבויעט אויף די דיבורים וואס מען רעדט אין היכל הקודש.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

**עס איז זיכער געווען פאר אייער טובה.**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת תצוה, ו' אדר א', שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר וזוגתו תחי'.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איר דארפט זיך זייער שטארקן אז דער אייבערשטער האט אייך אפגעהיטן פון שלעכטס וכו'. דאס איז א סימן פון א נישט געזונט קינד לא עלינו; זאלט איר נישט זיין בעצבות נאר זיך פרייען אויף די גרויסע ניסים וואס דער אייבערשטער טוט מיט אייך.

בדרך כלל נאך די חתונה האט מען מחשבות צי מען וועט האבן קינדער אדער נישט, דארף דאס ענק געבן חיזוק צו זען אז איר קענט האבן קינדער און איר וועט זוכה זיין מיטן אייבערשטנ'ס הילף צו זרע ברך ה'.

שרייב מיר דיינע סיומים; מיין גאנצע חשק איז צו זען און הערן פון מיינע תלמידים אז זיי לערנען און דאווענען נאך די חתונה, און פירן זיך מיט די לימודים וואס איך האב מיט זיי געלערנט.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט מצליח זיין אין אלע אייערע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**אז מען האט סבלנות און מען שלינגט - האט מען א גוט לעבן.**

בעזרת ה' יתברך - ב' פרשת תצוה, ו' אדר א', שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך בעט דיר טייערע ברודער, הער אויף זיך צו קריגן אין שטוב מיט דיין ווייב; דיין שטוב איז דאך ממש א גיהנום, טאג און נאכט איז מען פארנומען מיט טענות איינער אויפן צווייטן, בעט איך דיר זאלסט אויפהערן זיך צו קריגן. לעש אויס די פייער אין דיין שטוב; דו מיינסט אז ווען מען איז גערעכט איז מען גליקליך?! גליקליך איז נאר דער וואס געבט נאך פאר א צווייטן; עס איז נישט דא קיין גליקליכערער מענטש ווי דער וואס האט שלום בית.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן פב): "וּכְשֶׁרוֹאֶה אָדָם בְּעַצְמוֹ שֶׁהוֹלֵךְ לוֹ שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר, יֵדַע שֶׁיֵּשׁ לוֹ גַּדְלוּת", ווען א מענטש זעט אז אלעס גייט אים 'שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר' - פארקערט ווי ער וויל, זאל ער וויסן אז ער האט אין זיך גאוה, ער וויל פירן די וועלט, אבער דער רבי האט פאר אים אן עצה: "יַעֲשֶׂה תְּשׁוּבָה וְיַשְׁפִּיל אֶת עַצְמוֹ", ער זאל תשובה טון, זיך אראפבייגן דעם קאפ און מסכים זיין ווי אזוי דער אייבערשטער פירט די וועלט.

נעם אריין אין דיר די מדת הסבלנות וועט זיך אלעס איבער דרייען צום גוטן, מען דארף אסאך שלינגען אין לעבן דעמאלט איז מען זוכה צו שלות הנפש. מוהרא"ש טייטשט דעם פסוק (בראשית מט, טו): "וַיַּרְא מְנֻחָה כִּי טוֹב וְאֶת הָאָרֶץ כִּי נָעֵמָה, וַיֵּט שִׁכְמוֹ לִסְבֹּל וגו'", 'וַיַּרְא מְנֻחָה', אז מען וויל זוכה זיין צו מנוחה - צו שפירן א געשמאק אין לעבן - 'וַיֵּט שִׁכְמוֹ לִסְבֹּל', דארף מען ליידן און האבן געדולד, אזוי קומט מען אן צו האבן מנוחה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**זיך שפירן שטענדיג פריש - ווי מען איז יעצט מקורב געווארן צום רבי'ן.**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת תצוה, ז' אדר א', שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך בעט דיר זייער מיין טייערע ..., וועק זיך אויף פון דיין טיפע שלאף; דו קוקסט מיר אויס ווי דער שני למלכות וואס איז איינגעשלאפן און די בת מלך זוכט אים און וועקט אים אבער קען אים נישט דערוועקן (סיפורי מעשיות, מעשה א); אזוי אויך דו נאך אזויפיל חיזוק ביסטו נאך אלץ אזוי מרה שחורה'דיג און אין אזא עצבות.

דו קענסט ארויס קריכן פון דעם נאר אז דו וועסט זיך באנייען. אמאל האסטו געהאט אזא געפיל אין יעדע נקודה פון רבי'ן, כאפ א דוגמא 'מקוה'; אמאל בתחילת
~~~~~~~~~~~

התקרבותך ביסטו געווען אזוי פריש, דו ביסט געלאפן אין מקוה ווי א יונג בחור׳ל. בעט איך דיר, הייב אן פונדאסניי, גיי טובל זיך אין מקוה וועסטו אראפ נעמען פון דיר די עצבות, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות, אות המתקת הדין, סימן כב): "עַל יְדֵי טְבִילַת מִקְוֶה נִתְבַּטֵּל הַצָּרוֹת", אז מען טובל׳ט זיך אין מקוה איז מען מבטל אלע צרות, "וִישׁוּעָה בָּאָה", און מען איז זוכה צו א ישועה. נאך זאגט דער רבי (שם, סימן פא): "הַמִּקְוֶה מַמְתִּיק הַדִּין", אז מען גייט אין מקוה נעמט מען אוועק פון זיך אלע דינים.

ווען דו גייסט אין מקוה זאלסטו זיך איינבייגן און זיך מבטל זיין פאר׳ן אייבערשטן; מוהרא"ש זאגט אז די עיקר כוונה פון מקוה איז ׳ביטול׳ - מען בייגט זיך איין פאר׳ן אייבערשטן. יעדעס מאל מען טובל׳ט זיך בייגט מען זיך נאכאמאל פאר׳ן אייבערשטן. דאס אליינס, אז דער מענטש טוט זיך אינגאנצן אויס, ער גייט אראפ אין די מקוה און דארט בייגט ער זיך איין פארן אייבערשטן - דאס רייניגט דעם מענטש.

געדענק, א ברסלב׳ער חסיד איז איינער וואס פאלגט דעם רבי׳ן און אז מען פאלגט נישט דעם רבי׳ן איז א שאד די צייט צו קומען דא; גלייב מיר, עס וועט קומען א צייט וואס דו וועסט טראכטן: ׳א שאד איך האב נישט געטון די עצות׳; טייערער ..., איך שרייב דיר ווייל איך האב דיר ליב און איך וויל דיין הצלחה. גלייב מיר, איך בין אזוי פארנומען - דו קענסט זיך נישט פארשטעלן, מיט דעם אלעם שטרענג איך זיך אן דיר צו שרייבן; נעם אריין אין דיר די ווערטער וועט דיר גוט זיין.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**נאר מיט תורה קען מען בייקומען דעם יצר הרע.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת תצוה, ז׳ אדר א׳, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין נדבה פאר די ישיבה; יישר כח.

איך פריי זיך זייער אז דו קומסט יעדן אינדערפרי צום גמרא שיעור; הלוואי זאלן אלע תלמידים זיין שטארק מיט׳ן דף גמרא יעדן טאג. ווייל נאר מיט די תורה קען מען בלייבן א איד אין זיך דערהאלטן אין די שווערסטע נסיונות.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (קידושין ל.) דער אייבערשטער זאגט: "בָּרָאתִי יֵצֶר הָרָע", איך האב באשאפן דעם יצר הרע, "וּבָרָאתִי לוֹ תּוֹרָה תַּבְלִין", און איך האב באשאפן אן עצה ווי אזוי זיך צו שלאגן קעגן אים - דאס איז די הייליגע תורה; אז מען לערנט תורה
~~~~~~~~~~

קען מען אים בייקומען. בפרט אז מיר האבן באקומען א מתנה דעם "סדר דרך הלימוד" פון הייליגן רבי'ן, אז אפילו מען פארשטייט נישט וואס מען לערנט זאל מען זאגן די ווערטער פון די תורה כסדרן, קען יעדער איד לערנען.

שטארק זיך און מאך פרייליך דיין ווייב; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (קידושין לד:): "אִשָּׁה - בַּעְלָהּ מְשַׂמְּחָהּ"; דאס איז א מצוה פונקט ווי אלע מצוות.

...

~~~~~~~~~~

**נעמען מזוזות נאר פון אן ערליכן סופר.**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת תצוה, ז' אדר א', שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין הודעה.

עס איז אודאי בעסער דו זאלסט טוישן די מזוזות פון דיין דירה, וויילליידער זענען פארהאנען סופרים קלים וריקים. איך געדענק ווי נאך מיין חתונה האב איך זיך געלערנט סופרות, אזוי איז מיר אויסגעקומען צו האנדלען מיט סופרים, בין איך אמאל געווען אין א פלאץ וואו עטליכע סופרים שרייבן אינאיינעם, האב איך אמאל בייגעוואוינט ווי א סופר איז געווארן בכעס אויף א צווייטן סופר און געשריגן אויף אים ניבול פה ביי אן אפענעם ספר תורה! עס האט מיר אנגעכאפט א פחד און א שרעק, איך בין ארויסגעלאפן פון דארט און מער נישט געוואלט אריין גיין אין א פלאץ וואו מען שרייבט מיט קלות ראש. א רחמנות אויף דעם איד וואס צאלט שווערע געלטער, ער מיינט אז דער סופר איז א חסיד, ווייל פון אינדרויסן גייט ער אנגעטון מיט שטריימל בעקיטשע בשעת ער איז נעבעך נאך ווייט פון קדושה.

דעריבער זאלסטו זיך פארבינדן מיט האברך ... נרו יאיר וואס גייט אין מקוה פאר'ן שרייבן, אזוי אויך לערנט ער אסאך משניות און גמרא.

דיינע אלטע מזוזות קענסטו פארקויפן פאר א סופר מיט'ן זאגן דעם נאמען פונעם סופר וועלכער האט דאס געשריבן.

איך ווייס נישט צי דיין זון האט דיר פארציילט אז איך האב אים געגעבן א מתנה א סעט ששה סדרי משנה; איך האב אים אריין געשריבן אפאר ווארימע ווערטער אים צו געבן א חשק ער זאל לערנען משניות יעדן טאג און איך האב אים געבעטן אז ווען ער מאכט א סיום זאל ער מיר דאס דערציילן. געב אים איבער אז איך ווארט צו הערן א סיום פון אים.
~~~~~~~~~~

פארשטייט זיך אז איך ווארט אויך צו הערן פון דיר דיינע סיומים; נעכטן (ו' אדר א') איז געווען דער יארצייט פון אונזער חבר יעקב מאיר חשין עליו השלום וועלכער איז נעבעך אומגעקומען א פאר יאר צוריק אין א עקסידענט, ער האט זוכה געווען צו לערנען און ענדיגן 'כל התורה כולה'. ער האט זיך פארשריבן אין זיין טאג-בוך (דייערי) יעדע סיום ווען ער האט דאס מסיים געווען, ביז מען האט געטראפן פון אים זיין ביכל וואו ער שרייבט: "ובמשך תקופה קצרה של כמה שנים גמרתי כל התורה", אין א קורצע צייט פון א פאר יאר האב איך זוכה געווען צו לערנען און ענדיגן כל התורה כולה; ער רעכנט דארט אויס: "תורה, נביאים, כתובים, ששה סדרי משנה, גמרא בבלי ירושלמי, תוספתא און אלע מדרשים, רמב"ם, טור ושלחן ערוך וכו' וכו'".

יעצט ווען ער איז אויבן אויף יענע וועלט איז אים גוט; ער האט וואס צו עסן. דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן כג) אז אויבן אין הימל וויינען די נשמות: "מיר דארפן עסן", אבער ווען מען ברענגט זיי עסן וויינען זיי: "מיר דארפ'ן נישט די פשוט'ע עסן, מיר דארפן פרקים משניות".

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**מען דארף אנקומען צום אייבערשטן.**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת תצוה, ז' אדר א', שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין נדבה פאר די ישיבה; יישר כח.

זיי בודק דיינע מזוזות, אויך זאלסטו רופן א מומחה בודק זיין צי עס איז דא ביי דיין הויז א נעסט פון מאוקאש'עס (סקווערל'ס) פאר די רואיגקייט פון דיין ווייב תחי', וועט זי מסכים זיין צוריק אהיים צו קומען.

די גאנצע מעשה וואס האט פאסירט איז מן השמים דיר צו ווייזן אז מען דארף אנקומען צום אייבערשטן; מען קען זיך קויפן א הויז און דאס שיין מאכן און פלוצלינג כאפט זיך ארײן א קליינע חי'לע, א מאוקאש'ל, און דיין ווייב און קינדער זענען שוין אנטלאפן צו אירע עלטערן און זי וויל נישט וויסן פונעם נייעם הויז וכו'.

זעט מען פון דעם אז מען דארף שטענדיג צוקומען צום אייבערשטן און זיך צו אים איבערגעבן, און אז מען פארגעסט פון אים וכו' נוצט נישט גארנישט.

איך וועל שרייבן א בריוו פאר דיין ווייב איר צו בארואיגן וכו'.
~~~~~~~~~~

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסטו האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

**עס איז נישט דא קיין שטערקערע שמירה פון אמונה.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת תצוה, ז׳ אדר א׳, שנת תשע״ט לפרט קטן

**מרת ... תחי׳.**

אייער מאן נרו יאיר האט מיר דערציילט די מעשה מיט׳ן מאוקאש (סקווער׳ל) וכו׳ אז זייט די מעשה ווילט איר נישט צוריק אהיים קומען; איך האב אים געשריבן אז ער זאל בודק זיין די מזוזות און רופן א מומחה וכו׳ אז דאס זאל מער נישט פאסירן.

וויסן זאלט איר אז עס איז נישט דא קיין שטערקערע שמירה פון ״אמונה״; ווען א מענטש נעמט אריין אין זיך די אמונה, ער חזר׳ט צו זיך: ׳קיינער קען מיר גארנישט טון׳, ער זינגט צו זיך: ׳דער אייבערשטער איז דא׳ און ער זאגט צו זיך שטענדיג: ׳דער אייבערשטער היט מיר׳; דאס מאכט מען זאל זיין רואיג און צופרידן.

דעריבער זאל איר נעמען די עצה פון אמונה וועט איר נישט מורא האבן פון קיינעם נישט - פונעם גרויסן הונט ביז׳ן קליינעם מאוקאש.

דאנקט׳ס דעם אייבערשטן פאר אייער טייערע מאן נרו יאיר; איך באקום כסדר בילדער פונעם שיעור גמרא אין היכל הקודש בלומינגראוו וואו איך זע אים אויף די בילדער ווי ער לערנט יעדע נאכט, אויך דערציילט ער מיר שטענדיג זיינע סיומים.

זאלט איר נאר דאנקען דעם אייבערשטן וועלן אוועק גיין פון אייך אלע פחדים.

...

~~~~~~~~~~~

**די באבע מעשה פון די ״נ נח׳ס״.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת תצוה, ז׳ אדר א׳, שנת תשע״ט לפרט קטן

**מרת ... תחי׳.**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

עס טוט מיר זייער וויי צו הערן אז די מנהלת האט געבעטן אייערע טעכטער זיי זאלן קומען אין סקול מיט א נ׳ נח׳ קאפל פאר א ראש חודש אדר פראגראם און אייערע טעכטער זענען זייער פארשעמט געווארן וכו׳.

וואס זאלן מיר טון אז דאס האט זיך דער ס"מ אויסגענומען מיט'ן בית דין של מעלה; דער ס"מ האט געזאגט פאר'ן בית דין של מעלה אז ער איז מסכים אז דעם רבינ'ס נשמה זאל אראפ קומען אויף דער וועלט נאר בתנאי אז ער וועט מאכן א געשפעט פון רבי'ן.

איר קענט אודאי די מעשה וואס דער רבי האט דערציילט (סיפורי מעשיות, מעשה ז' מזבוב ועכביש) וואס עס האט זיך אפגעטון מיט זיין נשמה איידער זי איז אראפ אויף דער וועלט, ווי דער סמ"ך מ"ם האט געשריגן: "רבונו של עולם, אויב דער נשמה קומט אראפ אויף דער וועלט, פארוואס האסטו מיר באשאפן?" האט מען אים גערענטפערט: "די נשמה מוז אראפ קומען אויף דער וועלט, דו גיי און זוך דיר אן עצה". איז ער אוועקגעגאנגען און שפעטער איז ער צוריק געקומען מיט אן אלטיטשקן אן איינגעבויגענעם, זיי האבן געלאכט און געזאגט: "די נשמה קען שוין אראפ גיין, מיר האבן שוין אן עצה", די עצה איז אז מען וועט מאכן א משוגעת פון "נ' נח'", מען וועט לאכן וכו'; אזוי וועלן אלע מורא האבן פון ברסלב.

שטארקט אייערע קינדער זיי זאלן נישט ווערן צעפאלן פון דעם; רעדט צו זיי וואס ברסלב איז. פארציילט זיי די גאנצע באבע מעשה (טשאדעלע באדעלע) פון דעם נ' נח', אז עס איז געווען א איד אין טבריה ר' יואל אשכנזי ז"ל, א פרייליכער איד, ווען ער האט שוין מער נישט געקענט צוזען ווי מען רודפ'ט דעם ר' ישראל בער אודעסער ז"ל צוליב זיין התקרבות צום רבי'ן, האט ער אים אריין געלייגט אין זיין ליקוטי מוהר"ן א צעטל אויפגעשריבן דערויף: 'פתקא מן השמים' מיט די ווערטער נ' נח' און פון דעם איז געווארן די גאנצע משוגעת. ער האט אים געוואלט פרייליך מאכן ער זאל מיינען אז ער האט באקומען א צעטל פון רבי'ן וכו' און נעבעך דער ישראל בער האט געמיינט אז דער רבי האט אים אריין געלייגט א צעטל וכו' און פון דעםליידן מיר עד היום הזה, אבער דאס האט גארנישט מיט ברסלב.

איך שיק אייך א בריוו וואס איר זאלט איבער געבן פאר די מנהלת; לייגט דאס אריין אין א פארמאכטע ענוועלאפ אז אייערע קינדער זאלן נישט וויסן פון דעם כדאי זיי זאלן ווייטער מכבד זיין די טיטשערס מיט די מנהלת.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**דער גרויסער טעות פון "נ נח".**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת תצוה, ז' אדר א', שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד די חשוב'ע מנהלת פון ... אין אלעד, תחי'.**

אשריך ואשרי חלקיך אז איר זענט זוכה צו מחנך זיין אידישע קינדער מיט אזא איבערגעגעבנקייט; איר לייגט אריין אין די קינדער דאס שיינקייט און דאס גרויסקייט פון גיין בדרך התורה והיראה. דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט שטענדיג מצליח זיין אין אייערע וועגן.

איך וויל אייך שרייבן אויף א געוויסע ענין וואס מען האט געטון ביי אייך אין סקול וואס איז נישט קיין דרך ארץ, איך טראכט אז מן הסתם ווייסט איר נישט און איר האט נישט אריין געטראכט אין וואס מען האט געטון. דאס איז דער זאך וואס מען האט געמאכט ביי אייך ראש חודש אדר, אז מען האט געהייסן די קינדער ברענגען קאפלעך וואס שטייט אויפגעשריבן אויף דעם דעם הייליגן ברסלב'ער רבי'ס נאמען אויף א חוזק וועג: נ' נח'.

אסאך מענטשן זענען זיך טועה און מיינען אז דאס איז א ברסלב'ע זאך ווען באמת איז דאס א גרויסע פארשעמונג פאר אונז און פאר אונזער רבי; שטעלט אייך פאר מען זאל ווען נעמען דעם נאמען פון אייערע רבי'ס און דאס אויפשרייבן אויף קאפלעך און אויף ווענט וכו', וואלט עס ווי געטון פאר אייך און פאר אלע חסידים און פאר אלע אידן, אזוי אויך טוט ווי פאר אונז ברסלב'ע חסידים אז מען שפעט אפ פון גרויסע צדיקים.

ליידער זענט איר נישט די איינציגסטע וואס טוען דאס, אסאך חדרים און מיידל שולעס טוען דאס און מען טראכט נישט אריין אין די הארבקייט פון טשעפען א צדיק. דער רבי זאגט (ספר המידות, אות צדיק, סימן פח): "הַצַּדִּיק יָכוֹל לַעֲנֹשׁ אֶת הָאָדָם בְּמִיתָה, אֲפִלּוּ עַל יְדֵי חֲלִישׁוּת דַּעְתּוֹ, אֲפִלּוּ בְּטָעוּת"; אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ב, י): "וֶהֱוֵי זָהִיר בְּגַחַלְתָּן שֶׁלֹּא תִכָּוֶה, שֶׁנְּשִׁיכָתָן נְשִׁיכַת שׁוּעָל, וַעֲקִיצָתָן עֲקִיצַת עַקְרָב, וּלְחִישָׁתָן לְחִישַׁת שָׂרָף".

דער אייבערשטער זאל העלפן אז בזכות וואס מיר האלטן חשוב אלע צדיקים זאלן מיר זוכה זיין אויסגעלייזט צו ווערן פון גלות, אמן.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

**אנהויבן דעם טאג מיט לימוד גמרא.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת תצוה, ז׳ אדר א׳, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר, לומד בכולל ״היכל הקודש״ ברסלב.**

איך האב ערהאלטן דיין נדבה פאר די ישיבה; יישר כח.

איך פריי זיך זייער צו הערן ווי פלייסיג דו לערנסט אין כולל ביים ערשטן סדר דעם דף גמרא.

א טאג וואס מען הייבט אן מיט לימוד גמרא איז אינגאנצן אן אנדערע טאג; נאכדעם ווען דו גייסט ארבעטן איז אלעס גאר אנדערש. די אויגן איז אנדערש און די מח מחשבה איז אנדערש, ווייל די כח פון א בלאט גמרא איז אזוי הייליג און מעכטיג אז עס טוישט דאס קוקן, דאס טראכטן און דאס הערן פונעם מענטש.

מזל טוב פאר׳ן אפשערן פון דיין זון נרו יאיר; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן זאלסט האבן אידיש נחת פון דעם קינד און אלע קינדער צוזאמען מיט דיין ווייב תחי׳.

אשריך ואשרי חלקיך אז דו האסט זיך נישט נאריש געמאכט ביים אפשערן; די גאנצע אפשערן - די ציצית, קאפל, פעקלעך און לחיים - האט דיר געקאסט אונטער הונדערט דאללער, זאל זיין ״כן יכנס לחופה ולמעשים טובים״ - אן קיין חובות און אן קיין הארץ ווייט.

...

~~~~~~~~~~

**פרנסה געבט דער אייבערשטער.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת תצוה, ז׳ אדר א׳, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

איך האב דערהאלטן דיין נדבה פאר די ישיבה; יישר כח.

איך וויל דיר מחזק זיין אויף דעם וואס דו גייסט יעצט אריבער, מען האט דיר אפגעזאגט פון דיין ארבעט; דו גייסט ארום אן א קאפ, דו טראכסט: ׳פון וואו וועל איך אהיים ברענגען פרנסה?׳

זאלסטו וויסן, געדענקען און איינקריצן אין זיך: **״פרנסה געבט דער אייבערשטער!!!״**

זאלסט זיך חס ושלום נישט פארלירן פאר קיין איין רגע, אויך זאלסטו זיך נישט באשולדיגן און זיך נישט קלאפן אז דו פארלירסט איין דזשאב נאכ׳ן צווייטן; דאס האט
~~~~~~~~~~

נישט מיט דיר, דאס אלעס איז דיר אויסצופראבירן צי דו וועסט ווייטער זיין פרייליך, אזוי ווי די מעשה פונעם בעל בטחון וואס דער רבי האט דערציילט.

אחי היקר, חזק ואמץ ואחוז עצמך בכל כוחך.

...

~~~~~~~~~~

**די געוואלדיגע שאדנ׳ס וואס מאוויס ברענגט פאר׳ן מענטש ברוחניות ובגשמיות.**

בעזרת ה׳ יתברך - ג׳ פרשת תצוה, ז׳ אדר א׳, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך בעט דיר זייער מיין טייערער ..., אנשטאט צו קוקן מאוויס נעם ענדערש א משניות און זאג א פרק נאך א פרק, דאס וועט דיר אויסוואשן דיין נשמה פון אלע פלעקן.

מאוויס איז א שקר און א דמיון; עס נעמט צו דעם מח פונעם מענטש, עס ברענט אים אויס דעם מח און דורכדעם פארלירט מען אלעס. לאז דיר נישט פארנארן פונעם יצר הרע וואס זאגט דיר: ׳דאס מעג מען יא קוקן׳ און ׳דאס איז נישט אזוי געפערליך׳, ווייל דאס איז נאך א וועג ווי אזוי ער קען אריין כאפן דעם מענטש אין זיין ביטער׳ן נעץ; ער רעדט צו דעם מענטש צו קוקן סתם זאכן ביז מען פאלט רחמנא לצלן אריין אין גארבידזש, וואס איינמאל מען פאלט דארט אריין איז שוין זייער ביטער. מאוויס ברענט אויס די גאנצע מח מחשבה; מען ווערט א שלעכטער מענטש, מען האט מער נישט קיין געפיל צו די אייגענע ווייב און קינדער, מען פארלירט די געפיל צו דאווענען און צו לערנען, און מען ווערט פשוט אויס...

איך בעט דיר! איך וויין צו דיר! ווארף אוועק דיין ׳שמוץ פאון׳ אדער לכל הפחות לייג ארויף א פילטער; צייל אפ וויפיל מאל מוהרא״ש שרייבט אז מען זאל נישט האבן קיין שמוץ פאון... אזויפיל קען איך דיר זאגן: ״ווער עס פאלגט וואס מען רעדט דא אין ישיבה האט א לעכטיגע לעבן״.

פאר דו לייגסט זיך שלאפן זאלסטו זיך מתודה זיין אויפן טאג; זאג פאר׳ן אייבערשטן: ״זיי מיר מוחל אויף דעם היינטיגן טאג, מארגן וועל איך זיין אן ערליכער איד״. די פאר ווערטער מאכט א גרויסע רושם אויבן אין הימל; די פאר דיבורים נעמען אוועק אלע עונשים וואס די מקטריגים ווילן ברענגען אויפ׳ן מענטש.

א גוטע נאכט.

...
~~~~~~~~~~

~~~~~~~~~~

**דער אייבערשטער האט פאר יעדן איינעם א וועג צו ברענגען פרנסה.**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת תצוה, ח' אדר א', שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

בנוגע וואס דו גייסט אריבער מיט דיין פרנסה וכו' וועל איך דיר שרייבן א מעשה וואס מוהרא"ש האט דערציילט. א איד איז אמאל געקומען צום הייליגן חפץ חיים זכותו יגן עלינו און זייער געוויינט: "רבי, מיין קו - מיין פרנסה געבער - איז מיר געשטארבן"; דער איד האט פארמאגט א קו וועלכע ער פלעגט מעלקן און פארקויפן די מילך, פון דעם האט ער געהאט פרנסה. איין צופרי קומט ער אריין אין שטאל און טרעפט זיין קו טויט און ער איז זייער באזארגט וואס גייט זיין ווייטער; דער חפץ חיים האט אים געוואלט בארואיגן, אבער דער איד וויינט און שרייט אז ער גייט שוין שטארבן פאר הונגער ווייל ער האט מער נישט קיין פרנסה, זאגט אים דער חפץ חיים זכרונו לברכה: "דיין פרנסה געבער איז דער אייבערשטער, און ער וועט דיר ווייטער געבן פרנסה; חס ושלום צו טראכטן אז דיין פרנסה איז געקומען פון א קו, נאר די וועג ווי אזוי דו האסט געהאט פרנסה איז געווען דורך די קו און יעצט וועט קומען דיין פרנסה דורך אן אנדערע וועג".

די מעשה זאלסטו גוט אריינעמען אין דיר; דו זאלסט זיך נישט איינרעדן פאר איין מינוט אז דיין פרנסה קומט פון די ארבעט און אויב דו וועסט פארלירן די ארבעט וועסטו אויסגיין פאר הונגער וכו', אדער אנדערע מחשבות וואס קומען אריין אינעם מענטש: 'וואס וועט זיין?' 'ווי אזוי וועל איך האבן געלט?' נאר פארלאז זיך אויפן אייבערשטן, דער אייבערשטער האט שוין זיינע וועגן ווי אזוי ער וועט דיר געבן פרנסה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**האב רחמנות אויף דיין ווייב.**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת תצוה, ח' אדר א', שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

דיין ווייב איז געווען ביי מיר היינט; זי זאגט אז זי האט דיר זייער ליב, זי שעצט דיר זייער און זי האלט פון דיר זייער אסאך. איך האב איר געזאגט אז איך געדענק דיר

פון אלץ בחור ווי דו ביסט געווען א ווייכע הארץ און א באליבטער מענטש פאר אלעמען.

זי זאגט נאר אז אסאך מאל שפירט זי ווי מען דארף איר נישט; זי שפירט ווי זי איז איבעריג, דאס מאכט איר זי זאל זיין זייער פארקלעמט און צעבראכן.

בעט איך דיר טייערער ..., רעד צו איר שיין און האב רחמנות אויף איר; נאר דו וועסט מרוויח זיין פון דעם. זי וועט אויפלעבן און זי וועט אלעס טון פאר דיר, זי וועט זיכער גיין וואוינען וואו דו ווילסט ווען זי וועט שפירן אז זי איז ווערד.

זיי געזונט און א גרויסן יישר כח פאר דיין כסדר'דיגע הילף וואס דו העלפסט די ישיבה.

איך האף אז דו וועסט אננעמען מיינע ווערטער מיט א פאזעטיווער בליק; איך וויל גארנישט, נאר העלפן 'דיין' ווייב.

יואל בן ריצא רעכיל

~~~~~~~~~~

**אז מען איז שטארק מיט'ן התקרבות צום רבי'ן פאלן צום סוף אוועק אלע מחלוקת.**

בעזרת ה' יתברך - ד' פרשת תצוה, ח' אדר א', שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך בעט דיר זייער האלט זיך שטארק מיט דיין התקרבות צום רבי'ן, לאז זיך נישט צעברעכן פון וכו' וואס ווילן דיר אוועק שלעפן פון הייליגן רבי'ן.

וויסן זאלסטו אז יעדע פרישער מקורב גייט אריבער דאס וואס דו גייסט אריבער, מען פראבירט רעדן אלע לשון הרע'ס, מען סטראשעט וכו', אבער אז מען איז שטארק ביי זיך און מען לאזט נישט אפ דעם הייליגן רבי'ן ווערט פון די אלע 'מניעות' 'נעימות', אזוי ווי מיר האבן היינט געהאט אין די גמרא (ירושלמי שביעית, י:) אז רבי אבא האט געארבעט ביי א רוימישער גוי, ער פלעגט אים אויפנייען קליידער. איין טאג האט דער גוי אים אריין געברענגט א שטיק בשר נבילה און אים מכבד געווען דאס צו עסן, האט אים רבי אבא געזאגט: "איך בין א איד און איך טאר דאס נישט עסן", האט זיך דער גוי אנגערופן צו אים מיט כעס: "אויב דו עסט נישט אויף דעם שטיק נבילה גיי איך דיר הרג'ענען", האט אים רבי אבא געזאגט: "דו קענסט מיר הרג'נען; איך בין א איד און איך טאר דאס נישט עסן", האט דער גוי געזאגט פאר רבי אבא: נאך א מזל דו האסט נישט געגעסן די פלייש, אויב דו וואלסט עס געגעסן וואלט איך דיר גע'הרג'עט, ווייל: "אוֹ יְהוּדַיי, יְהוּדַיי! אוֹ אֲרַמַּאי, אֲרַמַּאי!" א איד דארף זיך פירן ווי א איד און א גוי ווי
~~~~~~~~~~

א גוי; האב איך געהערט פשט פון א ברסלב׳ער חסיד אז דאס זעלבע גייט אריבער אויף אונז ברסלב׳ע חסידים, מען טשעפעט און מען רודפ׳ט אז מען זאל אפלאזן דעם רבי׳ן, אבער שפעטער ווען מען זעט אז דער ברסלב׳ער חסיד איז שטארק ביי זיך מיט׳ן רבי׳ן, ער לאזט נישט אפ דעם רבי׳ן, דעמאלט לאזט מען אים אפ, מען הייבט אים און מען רימט אים.

איך בעט דיר זייער דו זאלסט זיך נישט לאזן צעברעכן פונעם יצר הרע; גיי אן מיט דיינע גוטע מעשים. זאג ווייטער משניות און דפים גמרא אפילו מען שפעט פון דיר און מען מאכט חוזק פון דיר, דאס איז נאר אין אנהייב. אזוי ווי רבי נתן וואס האט געהאט אין אנהייב שרעקליכע רדיפות פון זיין טאטע, אזוי ווייט אז זיין טאטע האט צוגערעדט זיין ווייב זי זאל זיך גט׳ן פון אים - א זאך וואס מען הערט נישט אין די וועלט! מען האט שוין געהערט א טאטע זאל אהיים נעמען זיין אייגענע טאכטער וכו׳, אבער אז א טאטע זאל צו רעדן זיין שנור זי זאל אפלאזן זיין אייגענעם זון - דאס איז נישט געהערט געווארן, און שפעטער פלעגט ער רופן זיין זון "ר׳ נתן" מיט א ר׳. רבי נתן איז נישט געווען באקוועם אז זיין טאטע רופט אים ר׳, פלעגט ער זאגן פאר זיין טאטע: "פארוואס רופסטו מיר ר׳ נתן?" האט אים זיין טאטע געזאגט: "וואס זאל איך טון, דו ביסט דער איינציגסטער זון וואס איז מיר מכבד".

זעט מען פון דעם אז אפילו אין אנהייב האט מען מניעות וכו׳, אבער אז מען פאלגט דעם רבי׳ן און מען פירט זיך מיט דרך ארץ, דריידט זיך אלעס איבער לטובה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**א שבח והודאה פאר׳ן אייבערשטן אויף די שידוך שליסן פון מיין זון.**

בעזרת ה׳ יתברך יום ה׳ פרשת תצוה, ט׳ אדר א׳, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

געלויבט איז דער אייבערשטער וואס האט מיט מיר געטון אזא גרויסע חסד אז מיין זון שלמה נרו יאיר איז א חתן געווארן נעכטן נאכט - ט׳ אדר א׳ - צו א טאכטער פון מיין טייערער חבר ר׳ יואל טייטלבוים נרו יאיר.

מיין הארץ איז פול מיט לויב צום אייבערשטן אויף די ניסים וואס ער טוט מיט מיר שטענדיג, בפרט יעצט פאר אזא גרויסע נס צו קענען א שידוך טון מיט א קינד ווען ער איז נאך יונג, פאר צוויי וואכן צוריק איז ער געווארן זעכצן יאר - מיט א ערליכע
~~~~~~~~~~

וואוילע מיידל פון א ווארימע ערליכע שטוב, איך בין זייער פרייליך אויף דעם; וואונטש איך דיר אז דו זאלסט אויך זוכה זיין צו טון שידוכים מיט דיינע קינדער יונגערהייט און זוכה זיין צו ערליכער אידישע דורות.

איך בעט דיר זייער זאלסט נישט זיין צעבראכן וכו׳; נעם די עצה פון רבי׳ן פון ׳התבודדות׳. גיי אין א ווינקל וואו קיינער איז נישט דארט און שמועס זיך אויס דיין הארץ מיט אים אזוי ווי דו וואלסט געשמועסט מיט דיינס א גוטע חבר, דערצייל אים אלעס, זאג אים די גאנצע פרשה וואס דו גייסט דורך מיט אלע פרטים. טראכט נישט: ׳וואס פעלט מיר אויס צו דערציילן פארן אייבערשטן? דער אייבערשטער ווייסט דאך אלעס׳, ווייל דער זוהר הקדוש זאגט (רעיא מהימנא, פרשת בא, דף מ:) אז מען זאל נישט זאגן: ׳וואס פעלט אויס צו דערציילן אלעס פאר׳ן אייבערשטן, וְהָא קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא יָדַע כֹּלָּא!׳ דער אייבערשטער ווייסט דאך סיי ווי אלעס, ״כָּל מַה דְּהֲוָה״, אלעס וואס איז געווען ״וְיֶהֱוֵי לְבָתַר דְּנָא״, און אלעס וואס גייט זיין, ״אֲמַאי פִּרְסוּמָא דָא קָמֵיהּ, עַל מַה דְּאִיהוּ עָבַד, וְאִיהוּ יָדַע״, וואס פעלט אויס עס צו דערציילן פארן אייבערשטן?

זאגט דער הייליגער רעיא מהימנא, דאס איז די נשמה פון משה רבינו וואס פלעגט זיך אנטפלעקן פאר דעם הייליגער תנא רבי שמעון בן יוחאי, אז אפילו דער אייבערשטער ווייסט אלעס וואס טוט זיך דאך זאל א מענטש דערציילן און שמועסן מיטן אייבערשטן אלעס וואס גייט אריבער אויף אים, סיי דאס גוטס און אזוי אויך אלעס וואס גייט אריבער אויף אים, אזוי איז מען זוכה אוועק צו נעמען אלע שלעכטס פון זיך.

איך וועל דיר שפעטער מודיע זיין צי עס וועט זיין א שיעור היינט נאכט, עס קען זיין אז איך וועל פארן קיין קרית יואל צום לחיים.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**א גאנץ שבת זאלסטו טאנצן פאר שמחה!**

בעזרת ה׳ יתברך - ה׳ פרשת תצוה, ט׳ אדר א׳, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

עס קומט שוין אט אט דער הייליגער שבת, בעט איך דיר זאלסט זען מיט אלע דיינע כוחות צו זיין נאר פרייליך.

מען דערציילט אויפ׳ן הייליגער באר מים חיים זכותו יגן עלינו אז שבת פלעגט ער זיין מיט א קאפ העכער פון א גאנצע וואך; מען האט געזען אויף זיינע בגדים אז זיי
~~~~~~~~~~

זענען קורצער ווי אין די וואכן טעג. מוהרא"ש האט דאס געגעבן צו פארשטיין אז ער איז געווען אזוי פרייליך א גאנץ שבת, ער פלעגט טאנצן און שפרינגען א גאנץ שבת, אז מען האט אים געזען ווי מיט א קאפ העכער פון גרויס שמחה.

א גאנץ שבת זאלסטו טאנצן פאר שמחה: "ברוך השם שלא עשני גוי, נאר איך בין א איד און איך האלט שבת; איך דרייוו נישט שבת, איך רייכער נישט שבת און איך נוץ נישט מיין טעלעפאן שבת", שבת - האט אונז דער רבי אנגעווארנט - דארף מען זיין נאר פרייליך, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן יז): "צָרִיךְ לְזָהֵר מְאֹד לִהְיוֹת שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב בְּשַׁבָּת, כִּי מַעֲלוֹת וּקְדֻשּׁוֹת שַׁבָּת גְּדוֹלָה וִיקָרָה מְאֹד", מען דארף זיין זייער פרייליך שבת, "וְהַכְּלָל, שֶׁצָּרִיךְ לִנְהֹג שִׂמְחָה גְּדוֹלָה בְּשַׁבַּת קֹדֶשׁ, וְלִבְלִי לְהַרְאוֹת שׁוּם עַצְבוּת וּדְאָגָה כְּלָל, רַק לְהִתְעַנֵּג עַל ה'", שבת טאר מען נישט ווייזן קיין שום עצבות, נאר מען דארף ארום גיין א גאנצן צייט מיט א שמייכל.

א גוטע נאכט.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

# ~~~שאלות ותשובות~~~

**עס קומט מיר נישט אונטער קיין בזיונות, ווי אזוי קען איך תשובה טון?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין א חתן, איך גרייט זיך אויף מיין חתונה בשעה טובה ומצלחת, און איך וויל וויסן ווי אזוי איך קען תשובה טון אויף פגם הברית.

איך ווייס אז דער רבי זאגט אז יעדער קען תשובה טון, אבער למעשה וויל איך וויסן ווי אזוי מ'פארעכט דאס. איך ווייס אויך אז דער רבי האט געזאגט אז דער עיקר תשובה איז אפצושווייגן אויף בזיונות, וואס זאל איך אבער טון אז ס'קומט מיר נישט אונטער קיין בזיונות?

אויך וויל איך וויסן, אזוי ווי איך זע אז אלס חתן בין איך ליידער אויך אראפגעפאלן, וויל איך וויסן צי ס'גייט זיך טאקע טוישן ביי מיר נאך די חתונה? ווייל איך זע בריוו פון אינגעלייט וואס זאגן אז זיי פאלן אויך אראפ.

א גרויסן יישר כח

**תשובה:**

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת תצוה, ח׳ אדר א׳, שנת תשע״ט לפרט קטן**

**לכבוד החתן ... נרו יאיר.**

מזל טוב חתן! דער אייבערשטער זאל דיר העלפן זאלסט אויפשטעלן אן ערליכע אידישע שטוב.

דו דארפסט זיך זייער פרייען אז דו גייסט שוין צו דיין חתונה; דו ווייסט דאך אז פאר א חתן איז מען מוחל אלע עבירות, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (מדרש שמואל יז, א; הובא ברש״י בראשית לו, ג): ״שְׁלֹשָׁה מוֹחֲלִים לָהֶן עֲוֹנוֹתֵיהֶן - גֵּר שֶׁנִּתְגַּיֵּר, וְהָעוֹלֶה לִגְדוּלָּה, וְהַנּוֹשֵׂא אִשָּׁה״, פאר די דריי מענטשן איז מען מוחל זייערע עבירות, א גר וואס איז זיך מגייר, ווען איינער איז עולה לגדולה און א חתן וואס האט חתונה, אזוי ווי עס שטייט ״מָחֲלַת״ - שֶׁנִּמְחֲלוּ עֲוֹנוֹתָיו.

יעצט ווען דו גייסט חתונה האבן גייסטו אנהייבן א נייע בלעטל אין לעבן; דער הייליגער רבי האט אמאל נאכגעזאגט פאר א חתן דאס וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (כתובות יז.): ״כֵּיצַד מְרַקְּדִין לִפְנֵי הַכַּלָּה״, און דער רבי האט אים דאס מסביר געווען: ״כֵּיצַד ׳מְרַקְּדִין וּמְדַלְּגִין׳ עַל מַה שֶּׁהָיָה לִפְנֵי הַכַּלָּה, הַיְנוּ לִפְנֵי הַחֲתֻנָּה״, אז מרקדים איז טייטש

'טאנצן און שפרינגען'; מען דארף איבערשפרינגען וואס איז געווען פאר די חתונה; דאס הייסט, אז א חתן דארף פארגעסן זיין גאנצע עבר און אנהייבן פון דאסניי (חיי מוהר"ן, סימן תקפו).

איך בעט דיר טייערער חתן, שלעפ נישט מיט מיט דיר דיין גאנץ לעבן דיינע אלטע חטאים. וואס איז געווען איז געווען, יעצט הייבט זיך אן אלעס פונדאסניי; איך ווייס אז דער יצר הרע פארגינט דיר נישט אז דו גייסט חתונה האבן און דו גייסט ווערן הייליג און ריין, דערפאר ברענגט ער דיר אריין כל מיני פראגעס און ער צעברעכט דיר מיטן מאכן טראכטן אז דו וועסט אייביג אראפ פאלן וכו'.

בעט איך דיר חתן, פארגעס וואס איז געווען און הייב אן מיט א נייע התחלה; דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן כו): "ביי די וועלט איז שכחה א חסרון, אבער ביי מיר איז שכחה א גרויסע מעלה', ווייל ווען עס וואלט ווען נישט געווען שכחה וואלט מען נישט געקענט דינען דעם אייבערשטן, מען וואלט נישט אויפגעהערט צו טראכטן פונעם פארגאנגענהייט, פון אלע דורכפעלער און אלע פראבלעמען וואס מען איז אדורך, און דאס וואלט געמאכט אז דער מענטש זאל נישט וועלן נאכאמאל פרובירן צו זיין אן ערליכער איד, אבער יעצט אז עס איז דא שכחה, קען מען זיך באנייען און אנהייבן פונדאסניי".

מאך זיך א שיעור אין משניות, דאס וועט דיר אויסוואשן פון דיינע חטאים; אפילו דו פארשטייסט נישט אין אנהייב וואס דו לערנסט זאלסטו זאגן די ווערטער, ווייל ווער עס זינדיגט אין די עבירה פון הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן ווער אים פאר'תמ'ט די קאפ אז ער קען זיך שוין נישט קאנצעטרירן און פארשטיין וואס ער לערנט. זאלסט זאגן אסאך משניות וועסטו זיך אינגאנצן אפוואשן פון דיין עבר און דו וועסט זיין אפגעהיטן אויף ווייטער.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט גיין צו דיין חתונה מיט מזל און ברכה.

...

~~~~~~~~~~

**מיין ווייב איז צו שטארק פרום, וואס טו איך?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,
~~~~~~~~~~

איך בין א אינגערמאן, ב"ה גליקליך חתונה געהאט, אבער כ'האב איין פראבלעם אז מיין ווייב איז געגאנגען אלס כלה צו גאר א פרומע כלה טיטשער, וואס האט איר אויסגעלערנט פארשידענע חומרות יתירות, און דאס שטערט מיר זייער שטארק.

איך ווייס אבער נישט ווי אזוי איר אויפצוקלערן אז מ'האט איר אויסגעלערנט פאלשע זאכן וואס איז נישט אויסגעהאלטן תורה'דיג, וואס קען איך טון וועגן דעם?

דער אייבערשטער זאל אייך ווייטער געבן אסאך כח אנצוגיין מיט אייער הייליגע ארבעט.

יישר כח

**תשובה:**

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת תצוה, ח׳ אדר א׳, שנת תשע״ט לפרט קטן**

**לכבוד ... נרו יאיר.**

אנשטאט קרעכצן וכו׳ זאלסטו טאנצן פאר שמחה אז דו האסט זוכה געווען צו חתונה האבן מיט א ערליכע איידעלע צניעות׳דיגע ווייב.

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן די מעלה פון האבן א ערליכע ווייב וואס וועט זיין א ערליכע מאמע פאר דיינע קינדער; נישט אלע יונגעלייט ווייסן דאס חשיבות פון א ערליכע ווייב, נאר הערשט שפעטער ווען מען האט שוין קינדער דעמאלט הייבט מען אן דאנקען דעם אייבערשטן אויף די מתנה אז מען האט א ערליכע ווייב וואס איז א געטרייע מאמע פאר די קינדער.

אז דיין ווייב פירט זיך ערליך איז דאס נאר א מעלה; דער רבי זאגט (ספר המידות, אות בנים, סימן ט): ״צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה, מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים״, א פרוי וואס פירט זיך איידל און צניעות׳דיג וועט זוכה זיין צו גוטע קינדער; דו ווילסט דאך אודאי ערליכע קינדער, זאלסטו מחזק זיין דיין ווייב און איר ארויף קוקן. שלעפ איר נישט אראפ און זוך נישט ווי דו קענסט אראפרייסן איר צניעות און ערליכקייט מיטן איר בעטן זי זאל גיין אנגעטון מער אויפפאלנד און אויפרייסנדיג; עס גייט אריבער די פאר יאר וואס מען איז יונג וכו׳ און נאכדעם רייסט מען זיך די האר פון קאפ אז מען האט פארלוירן דאס איידלקייט און טייערקייט וכו׳.

בנוגע די חומרות וואס מען האט געלערנט מיט איר וכו׳; עס איז כדאי זי זאל דאס אליינס הערן פון אן ערליכן רב. גיי מיט איר צו דיין דיין אדער דיין רב, אז זי וועט רעדן מיט דיין דיין וועט זי עס בעסער קענען נעמען ווי אויב זי וועט עס הערן פון דיר, ווייל אז דו וועסט אוועק מאכן וואס זי האט געהערט וכו׳ וועסטו נאר ערגער מאכן.

וואויל איז פאר א מענטש וואס זוכט נאר ווי אזוי ער קען האבן אן ערליכע ווארימע שטוב, אן ערליכע ווינקל פאר זיינע קינדער, און ער איז מחזק זיין ווייב אז זי זאל גיין אנגעטון איידל און ערליך.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

## קען מען לערנען משניות פאר עטליכע נשמות אויפאמאל?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

א גרויסן יישר כח פאר אלע שיעורים וכו' וואס זענען באמת מחיה נפשות, בפרט אין די היינטיגע דורות, חזקו ואמצו אין די הייליגע ארבעט.

מיין שאלה איז אז איך לערן משניות לעילוי נשמת פארשידענע ידידים און משפחה, זיידעס און באבעס, איז די שאלה אויב מ'קען לערנען פאר עטליכע נשמות אויף איין מאל, דהיינו איך זאג הרינו לומד לעילוי נשמת דעם און לעילוי נשמת יענעם, און אזוי ווייטער.

א גרויסן יישר כח נאכאמאל.

**תשובה:**

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת תצוה, ח׳ אדר א׳, שנת תשע״ט לפרט קטן**

**לכבוד ... נרו יאיר.**

מען קען זיך גארנישט פארשטעלן וואס לערנען משניות טוט פאר די נשמה; עס ווערט געברענגט (מדרש תלפיות אות אל״ף, סוף ענף ״אפוד״) אז אשר בן יעקב זיצטביים טיר פון גיהנום און ווער עס האט געלערנט משניות, אדער מען לערנט פאר אים משניות לאזט ער נישט אריין אין גיהנום; דער חיד״א טייטשט מיט דעם דער פסוק (בראשית מט, כ): ״מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ״, ׳שְׁמֵנָה׳ איז די אותיות ׳מִשְׁנָה׳, ווען ׳אשר׳ זעט אז א מענטש האט געלערנט ׳משנה׳, ״וְהוּא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ״, געבט ער אים גן עדן; אזוי אויך נעמט משניות ארויס די נשמה פון אלע קליפות.

זייער גוט טוסטו אז דו לערנסט משניות פאר דיין נשמה; דו דערמאנסט מיר א מעשה וואס מוהרא״ש פלעגט דערציילן. עס איז געווען א תלמיד היכל הקודש וואס פלעגט יעדן טאג זאגן ח״י פרקים משניות און דער משגיח פון ישיבה פלעגט אים כסדר פרעגן: ״וואס, דו לערנסט משניות?״ און כדאי צו באהאלטן זיין התקרבות אז מען זאל אים נישט ארויסווארפן פון ישיבה וכו׳ פלעגט ער ענטפערן פאר׳ן משגיח: ״יא, איך
~~~~~~~~~~

לערן משניות. איך האב זיך אונטער געמומען צו לערנען משניות פאר א נשמה וכו'״; אזוי איז אריבער א שטיק צייט, אבער ווען דער משגיח האט געזען אז דער בחור לערנט משניות יעדע נאכט פאר גייט שלאפן שוין באלד א גאנצע יאר האט ער פארשטאנען אז עפעס שטימט נישט דא, האט ער געפרעגט דעם בחור: ״זאג מיר דעם נאמען פון די נשמה פאר וועם דו לערנסט משניות״, האט דער בחור געענטפערט: ״פאר מיין אייגענע נשמה, איך וויל זיך מתקן זיין״. ווען ער האט געזען אז דער משגיח פארשטייט נישט וואס ער זאגט, האט ער בחור געגעבן צו פארשטיין פאר'ן משגיח: ״איך מוז שטארבן אז מען זאל מיר מתקן זיין? איך וויל שוין יעצט ארויס נעמען מיין נשמה פון שאול תחתית״... ווען דער משגיח האט געהערט די פשוט'ע אמת'ע ווערטער פון דעם בחור האט ער אים געלאזט ווייטער ממשיך זיין מיט זיין לימוד ח״י פרקים משניות.

זיי ווייטער ממשיך מיט'ן לערנען משניות; דאס וועט פאררעכטן סיי דיין נשמה און אזוי אויך די נשמות פון אלע דיינע זיידעס און באבעס וכו'. עס ווערט געברענגט פון צדיקים (עיין בספר קול סופר על משניות, בהקדמה לחלק ב) אז אפילו אויב מען איז נישט מזכיר די נעמען פון די זיידעס און באבעס ווערן זיי אלע פארראכטן ווען זייער קינד אדער אייניקל לערנט און טוט גוטע מעשים, עס ווערט נישט אראפגערעכנט פון קיינעם קיין חלק פון די שכר; אונזער מח איז באגרעניצט דערפאר פארשטייט מען דאס נישט, אבער אויבן אין הימל איז אלעס רוחניות, דארט נעמען אלע נשמות גלייך שכר פון די מצות און מעשים טובים וואס מען טוט פאר זיי.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

## זאל א טאטע לערנען מיט זיינע בחורים?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך וויל וויסן וואס צו טון וועגן לערנען מיט מיינע בחורים. איך געדענק ווען איך בין געווען א בחור האב איך זייער נישט ליב געהאט ווען מיין טאטע האט געלערנט מיט מיר, אפילו ער איז אן עכטער נארמאלער מענטש וואס וויל באמת נאר די טובה פון די קינדער, אבער איך האב פשוט נישט הנאה געהאט צו לערנען מיט אים, דעריבער וויל איך וויסן אויב איך מוז טאקע לערנען מיט מיינע בחורים, אדער זאל איך זיי לאזן אליין אויפוואקסן.

איך רעד דוקא פון בחורים, ווייל איך פארשטיי אז מיר קינדער פעלט יא אויס צו לערנען.
~~~~~~~~~~~

יישר כח פאר אלעס, ובפרט פאר די הערליכע בריוו.

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת תצוה, ח׳ אדר א׳, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וויסן זאלסטו אז חינוך איז זייער א שווערע עבודה, בפרט אין אונזער דור ווען די וועלט איז ברייט אפן וכו׳.

אויב דו ווילסט געבן א גוטע חינוך פאר דיינע קינדער זאלסטו נעמען דעם כלל: ״מען דארף קודם זיך אליינס מחנך זיין״; ווייז פאר דיינע קינדער א לעבעדיגע ביישפיל אינעם טאג טעגליכן לעבן. צום ביישפיל, זאלסט קיינמאל נישט שרייען אין שטוב וכו׳ און זיכער נישט שרייען קיין ניבול פה - נישט דו אויף דיין ווייב און נישט דיין ווייב אויף דיר, כדי דיינע קינדער זאלן זען ווי דו פירסט זיך מיט דיין ווייב מיט דרך ארץ. זע אז עס זאל זיין שטענדיג פרייליך און שטוב; עס זאל נישט זיין קיין שום עצבות און כעס אין שטוב וכו׳ - דאס איז די בעסטע חינוך וואס מען קען געבן פאר די קינדער. ווייל קינדער מאכן נאך זייער עלטערן, וואס זיי זעען ביי די טאטע און מאמע וועלן זיי נאך טון, און וואס זיי הערן רעדן אין שטוב רעדן זיי נאכדעם אויפן גאס, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סוכה נו:): ״שׁוּתָא דִּינוּקָא אוֹ דַּאֲבוּהָ אוֹ דְּאִימֵּיהּ״, וואס א קינד רעדט - האט ער געהערט אדער פון זיין טאטע אדער פון זיין מאמע; דאס איז דער ערשטער כלל אין חינוך: צו זיין א לעבעדיגע ביישפיל, ווייזן פאר די קינדער ווי אזוי זיך צו פירן. אזוי אויך אז מען וויל דער קינד זאל לערנען דארף דער טאטע לערנען וועט דער קינד שוין במילא לערנען.

בנוגע דיין פראגע צי דו זאלסט לערנען בחברותא מיט דיינע בחורים; עס איז שווער צו ענטפערן אויף דעם באופן כללי ווייל יעדע קינד איז א וועלט פאר זיך. עס זענען דא קינדער וואס האבן ליב צו לערנען מיט׳ן טאטע׳ן, זיי ווילן אלץ לערנען נאך שיעורים, ווידעראום זענען דא קינדער וואס וועלן זיך ענדערש ארויסדרייען וכו׳, עס ווענדט זיך אין זייער נאטור, אבער דאס איז זיכער אז אויב דו ווילסט דיין קינד זאל לערנען זאלסטו אליינס לערנען וועט ער אויך לערנען.

צווייטנס דארף מען וויסן, אז אויב מען וויל עפעס פועל׳ן ביים קינד דארף מען דאס אים אריין ברענגען מיט א געשמאק און פריילעכקייט, מיט כח קען מען נישט

ארויפלייגן אויף זיי ווייל דאס מאכט אז שפעטער זאלן זיי דאס פיינט האבן וכו׳, דער רבי האט אונז זייער מזהיר געווען נישט צו באצווינגען א קינד.

אמאל איז א איד געקומען צום רבי׳ן און במשך דעם גאנצן וועג האט ער גע׳חזר׳ט מיט זיין קינד: ״אויב דער רבי וועט דיר מכבד זיין מיט טרינקען זאלסטו זאגן סברי מרנן וכו׳״ א גאנצע וועג האט ער אים געלייגט לחץ און געזאגט: ״געדענק׳זשע!! געדענק׳זשע!!״ ווען זיי זענען אנגעקומען צום רבי׳ן און דער רבי האט געגעבן פאר׳ן קינד דעם בעכער, האט דאס קינד - אנשטאט זאגן סברי מרנן - אנגעהויבן ״געדענק׳זשע!!״...

האט דער רבי דעמאלט געזאגט פאר דעם טאטע׳ן די שיחה (חיי מוהר״ן סימן תלב): ״מַּה שֶׁהַמְלַמְּדִים דּוֹחֲקִים אֶת הַתִּינוֹק בְּיוֹתֵר, עַל יְדֵי זֶה אֵינוֹ יוֹדֵעַ הַתִּינוֹק כְּלָל״, דאס וואס מען דרוקט אויפן קינד, דורך דעם ווייסט דער קינד גארנישט, ״רַק צְרִיכִין לִהְיוֹת אָמָּן גָּדוֹל בָּזֶה לְלַמֵּד אֶת הַתִּינוֹק בְּהַדְרָגָה בְּלִי אִיּוּם הַרְבֵּה, וּבְלִי דֹּחַק יוֹתֵר וכו׳, וְעַל יְדֵי זֶה יִתְפֹּס יוֹתֵר בְּנָקֵל״, מען דארף זיין א חכם צו וויסן ווי אזוי מען לערנט מיטן קינד שטייטליך, צוביסליך, אן לייגן אויפן קינד א פחד און אן לייגן דרוק, אזוי וועט ער עס בעסער פארשטיין. דער רבי האט אים געזאגט: ״ווען דו וואלסט ווען גע׳חזר׳ט מיט דיין זון אביסל ווייניגער מאל און אן קיין דרוק וואלט ער געקענט זאגן דעם ׳סברי מרנן׳, נאר פון אזויפיל מאל איבער זאגן ׳גֵּידֶענְק׳זֶע׳, ׳גֵּידֶענְק׳זֶע׳, גֵּידֶענְק׳זֶע׳, ׳גֵּידֶענְק׳זֶע׳, פון גרויס פחד געדענקט ער נאר דאסווארט ׳גֵּידֶענְק׳זֶע׳״.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן נחת פון דיינע קינדער זיי זאלן אויסוואקסן ערליכע אידן.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~